# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:05
מוצאי שב"ק.....................8:31

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................ירמיה כ"ב-כ"ג
בבלי........................כריתות י"ז
ירושלמי.....................שבת ה'
תוספתא....בבא מציעא פרק ד'
רמב"ם...................כלים כ"ו


פרשת שופטים, ז' אלול, אבות פרק ו', שנת תשע"ט לפ"ק
שנה 8, גליון 52 (412)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**אַל יֵרַךְ לְבַבְכֶם** (דְּבָרִים כ׳, ג׳)

וויסְן זָאלְסְטוּ אַז אִין הִימְל וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער רַעַש וֶוען מֶען זֶעט אַ אִיד קוּמְט אִין שׁוּל, בִּפְרַט וֶוען מֶען זֶעט אַ אִיד וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶועריקַייטְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן דָאךְ שְׁפְּרִינְגְט עֶר אַרִיבֶּער אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן אוּן לוֹיפְט אִין שׁוּל דַאוְונֶען - דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט אוֹיף עֶטְלִיכֶע טֶעג אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיים רֹאשׁ הַקָהָל; דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען דַאוְונֶען אִינֶעם שְׁטָאטִישְׁן שׁוּל, נָאר עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ מִנְיָן בַּיים שְׁטוּבּ פוּנֶעם רֹאשׁ הַקָהָל - דָארְט וואו עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען, אָבֶער דֶער רֹאשׁ הַקָהָל אִיז יָא גֶעגַאנְגֶען אִינֶעם שְׁטָאטִישְׁן שׁוּל דַאוְונֶען.

אוֹיף שַׁבָּת אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען אִין יֶענֶעם שְׁטֶעטְל אַ מַגִיד, וָואס זַיין פַּרְנָסָה אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז אַרוּמְגֶעפָארְן אִין שְׁטֶעטְלֶעךְ הַאלְטְן דְרָשׁוֹת, אוּן דֶער עוֹלָם הָאט אִים גֶעגֶעבְּן גֶעלְט פַאר דֶעם. שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ הַקָהָל וָואס דֶער בַּעַל דַרְשָׁן הָאט גֶערֶעדְט, הָאט דֶער רֹאשׁ הַקָהָל דֶערְצֵיילְט אַז עֶר שְׁרֶעקְט אָן דֶעם עוֹלָם, עֶר זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַ רוֹיטֶע גֵיהִנוֹם, אוּן אַ גֶעלֶע גֵיהִנוֹם אוּן דֶער עוֹלָם אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט פַארְן רֹאשׁ הַקָהָל: "אוֹיבּ דֶער בַּעַל דַרְשָׁן גֵייט נָאכְאַמָאל רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן אַז אִיךְ רוּף אִים, אוּן דוּ זָאלְסְט אִים נִישְׁט לָאזְן עֶנְדִיגְן רֶעדְן".

וְכַךְ הֲוָה, אִינְמִיטְן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט דֶער מַגִיד ווידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אַ שַׁארְפֶע דְרָשָׁה, גְלַייךְ הָאט דֶער רֹאשׁ הַקָהָל אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט אוּן גֶעזָאגְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב רוּפְט אִים, וֶוען דֶער מַגִיד הָאט גֶעוָואלְט וַוייטֶער רֶעדְן, הָאט אִים דֶער רֹאשׁ הַקָהָל וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעהַאקְט אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט וַוייטֶער רֶעדְן, אוּן עֶר מוּז גֵיין צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב. דֶער מַגִיד הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיטְן רֹאשׁ הַקָהָל צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "וִוי שֶׁעמְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּ צֶעבְּרֶעכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דוּ ווייסְט וָואס גֶעשֶׁעט אִין הִימְל וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט זִיךְ אַ כַאפּ סוֹף טָאג נָאכְן אַרְבֶּעטְן אוּן עֶר זֶעט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֵייגְט קַיין תְּפִילִין, אוּן עֶר גֶעבְּט אַ קְרֶעכְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואסֶערֶע רַעַשׁ דָאס מַאכְט אִין הִימְל?! אָדֶער אַ אִיד גֶעט זִיךְ אַ כַאפּ אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַאוֶונְט שַׁחֲרִית אָדֶער מִנְחָה, אוּן עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט דַאוְונֶען אוּן עֶר גֶעבְּט אַ קְרֶעכְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואסֶערֶע רַעַשׁ דָאס מַאכְט אוֹיבְן אִין הִימְל, גֵייסְטוּ אוּן דוּ צֶעקְלַאפְּסְט אִידְן?!" אוּן אַזוֹי הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶערֶעדְט צוּ דֶעם מַגִיד, בִּיז עֶר הָאט גֶעמוּזְט צוּזָאגְן פַארְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אַז פוּן הַיינְט אָן וֶועט עֶר מֶער נִישְׁט רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִידְן.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, טַייעֶרֶער לִיבֶּער חָבֵר: אָחִי, חֲזַק וֶאֱחוֹז עַצְמְךָ! בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן; קוּם אִין שׁוּל דַאוְונֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שְׁטִיקְלֶעךְ, אוּן עֶפֶען אוֹיף אַ גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט; פָאלְג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס נָאר עֶר קֶען אוּנְז הֶעלְפְן אוּן נָאר עֶר פַארְשְׁטֵייט אוּנְז.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תָבֹא תשע"ז)

**יֵלֵךְ וְיָשֹׁב לְבֵיתוֹ** (דְּבָרִים כ׳, ז׳)

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (אֲבָנֶיהָ בַרְזֶל, אות תקפ): אַמָאל הָאט זִיךְ אַ אִיד גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז אִין דִי שְׁטָאט ווִיעֶן אוּנְטֶערְן בְּרִיק אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער אוֹצָר, אִיז עֶר אַהִין גֶעפָארְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן גְרָאבְּן כְּדֵי צוּ טְרֶעפְן דֶעם אוֹצָר. דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ וֶועכְטֶער וָואס עֶר הָאט בַּאוַואכְט דֶעם בְּרִיק, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי דֶער אִיד גְרָאבְּט אוּנְטֶערְן בְּרִיק הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס טוּסְטוּ דָא?" הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס הָאט זִיךְ מִיר גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז דָא אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער אוֹצָר וְכוּ'", הָאט דֶער וֶועכְטֶער אִים גֶעזָאגְט: "אֵיי דוּ נַארִישֶׁער אִיד, מִיר הָאט זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז אִין דֶעם אוּן דֶעם שְׁטָאט בַּיי דֶעם גַאס, בַּיי אַ גֶעווִיסֶע הוֹיז וואוֹינְט אַ אִיד מִיט דֶעם אוּן דֶעם נָאמֶען, בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ אוּנְטֶער דֶעם אוֹיוְן לִיגְט בַּאהַאלְטְן אַן אוֹצָר, זָאל אִיךְ יֶעצְט אַהִין פָארְן?!" דֶער אִיד הֶערְט ווִי דֶער וֶועכְטֶער פַארְצֵיילְט אִים דֶער חָלוֹם, אוּן עֶר רֶעדְט גָאר פוּן זַיין הוֹיז; הָאט עֶר פַארְלָאזְט דֶעם בְּרִיק אוּן עֶר אִיז אַהֵיים גֶעפָארְן, אוּן טַאקֶע גֶעפוּנֶען אַ גְרוֹיסֶער אוֹצָר בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ.

דֶערְפַאר פָארְן מִיר צוּם רֶבִּי'ן, וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז דֶער אוֹצָר לִיגְט בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז אִין שְׁטוּבּ מִיט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער - קֶענֶען מִיר זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה, זֵיי מֵיינֶען אַז אִין שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט דֶער פַּאסִיגֶער פְּלַאץ פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן: 'הַלְוַואי וֶוען אִיךְ קֶען אַנְטְלוֹיפְן פַאר אַ שְׁטִיק צַייט פוּן שְׁטוּבּ, אִיךְ ווֶעל זִיךְ אָפְּזוּנְדֶערְן פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת עוֹלָם הַזֶה, אַזוֹי וֶועל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד'; עֶס אִיז אָבֶער נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל דַוְקָא אִין שְׁטוּבּ - דָארְט קֶען אַ מֶענְטְשׁ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וְזֹאת הַבְּרָכָה תשע"ח)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ טוֹבָה פַאר אַ אִיד

דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד וָואס פְּרוּבִּירְט וִוי מֶער צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר אַ צְוֵוייטְן, קֶען מֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אִיד אִין אַלֶע וֶועלְטְן, זַיין שְׂכַר אִיז אוּמְשַׁאצְבַּאר, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט מִיט דֶעם אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן הַשְׁפָּעוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט מִיטְ'ן צַדִיק הרה"ק רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע, דֶער הֵיילִיגֶער "מָאוֹר עֵינַיִם", וָואס פוּן דֶעם קֶען מִיר זֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חֲשִׁיבוּת אִין הִימְל פוּן אַ אִיד וָואס טוּט טוֹבוֹת מִיט אַנְדֶערֶע אִידְן.

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק, פְלֶעגְט עֶר וַוייטֶער אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט צוּ לֶערְנֶען מִיט זַיין זוּן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זי"ע.

<<<<<<

## א גוט ווארט

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אַרוּם גֵיין אַזוֹי בְּצַעַר? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אַזוֹיפִיל לַיידְן וְכוּ׳ וְכוּ׳? דוּ הָאסְט דָאךְ אַ וֶועג אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דַיין צָרָה, דִי וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען! גֵיי אִין אַ ווִינְקֶעלֶע וואוּ קֵיינֶער שְׁטֶערְט דִיר נִישְׁט אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אוּן בֶּעט אִים: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי מִיר מְקָרֵב צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין וואוֹיל אוּן גוּט, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן, אִיךְ בִּין פוּל מִיט בִּלְבּוּלִים, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער; אִיךְ ווִיל נָאר דִיר".

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז מֶען פְלֶעגְט הֶערְן ווִי עֶר זָאגְט תְּהִילִים מִיט אַ זִיסְקֵייט אוּן דְבֵיקוּת, אֵיינְמָאל הָאט מֶען גֶעהֶערְט ווִי דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק זִינְגְט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים עג, כה): "מִי לִי בַשָּׁמָיִם, וְעִמְּךָ לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ", אוּן עֶר זָאגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "מִי לִי בַשָּׁמָיִם", טַאטֶע זִיסֶער וֶועם הָאבּ אִיךְ אִין הִימְל? - אַלֶע זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן מִיר, "וְעִמְּךָ", אָבֶער מִיט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַז אִיךְ הָאבּ דִיר, "לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ", דַארְף אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם; עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען מִיט אַ בֶּענְקְשַׁאפְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין עוֹלָם הַזֶה, אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין עוֹלָם הַבָּא, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם - נָאר דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ׳ שׁוֹפְטִים תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וָואס טוּט מֶען וֶוען דִי וַוייבּ הֶערְט נִישְׁט אוֹיף שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ הַארְצִיגְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּלָאזְט אַרַיין אִין מִיר, סְפֶּעצִיעֶל דִי חִיזוּק יוֹמִי וָואס אִיךְ בַּאקוּם טֶעגְלִיךְ, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה דֶערְפוּן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ וַוייבּ וָואס הֶערְט נִישְׁט אוֹיף שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער. נִישְׁט סְתַּם זִי שְׁרֵייט אוֹיף זֵיי, נָאר זִי קְלַאפְּט זֵיי זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרָאפּ, צוּם בַּיישְׁפִּיל "בִּיסְט stupid, בִּיסְט slow, בִּיסְט silly, בִּיסְט אַ בֶּעיבִּי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַזֶעלְכֶע סָארְט לְשׁוֹנוֹת, אוּן נָאךְ עֶרְגֶערֶע, שְׁרֵייט זִי אוֹיף זֵיי כְּסֵדֶר.

אִיךְ בִּין בְּטֶבַע זֵייעֶר אַ סֶענְסִיטִיוְועֶר מֶענְטְשׁ, אוּן יֶעדֶעס מָאל אִיךְ הֶער וִוי אַזוֹי זִי קְלַאפְּט זֵיי אַרָאפּ מִיט אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער, שְׁפִּיר אִיךְ מַמָשׁ צוּ וֵויינֶען, עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי, אִיךְ הַאלְט מַמָשׁ נִישְׁט אוֹיס פַאר זֵיי. וִוי אַזוֹי וֶועלְן זֵיי קֶענֶען אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט, וֶוען דִי מַאמֶע קְלַאפְּט זֵיי אַזוֹי אַרָאפּ אַ גַאנְצְן טָאג?

וִוי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה? אוּן וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת מִיט אִיר? סְ'אִיז מַמָשׁ דָאס גֵיהִנוֹם אַלֵיין. אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.**

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס זִי שְׁרֵייט אוּן זִידְלְט דִי קִינְדֶער - קוּמְט נִישְׁט פוּן שְׁלֶעכְטְקֵייט; זִי טוּט דָאס וַוייל אַזוֹי הָאט מֶען אִיר מְחַנֵךְ גֶעוֶוען. מֶען הָאט אוֹיף אִיר גֶעשְׁרִיגְן טָאג אוּן נַאכְט דִי סָארְט וֶוערְטֶער דֶערְפַאר זָאגְט זִי דָאס אִיבֶּער פַאר אִירֶע קִינְדֶער, מֵיינֶענְדִיג אַז דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה פַאר דִי קִינְדֶער.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר מִיט דַיין וַוייבּ אִין דִי נַייעֶ אִידִישֶׁע קוּנְטְרֵסִים: "גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער" אוּן "אִידִישׁ נַחַת", דָארְט וֶועסְטוּ זֶען וִוי מוֹהֲרָ"אשׁ לֶערְנְט אוּנְז וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵךְ קִינְדֶער אוֹיף אַ גוּטֶע וֶועג, דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן טְשֶׁעפֶּען קִינְדֶער מִיט נִישְׁט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער אוּן וָואס עֶס פַּאסִירְט וֶוען מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי מִיט מִיאוּס'עֶ וֶוערְטֶער, זֵיי לוֹיפְן נָאכְדֶעם אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ אוּן זֵיי ווִילְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ'.

וֶוען זִי וֶועט לֶערְנֶען דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים, זִי וֶועט ווִיסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי וֶועג, וֶועט זִי שׁוֹין מֶער נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער דִי אַלֶע וֶוערְטֶער.

זֵיי דָן דַיין וַוייבּ לְכַּף זְכוּת אוּן קוּק אוֹיף אִיר מִיט אַ גוּטֶע אוֹיג; זִי אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג, וַוייל מֶען הָאט אוֹיף אִיר גֶעשְׁרִיגְן דִי אַלֶע וֶוערְטֶער אִין אִירֶע קִינְדֶער יָארְן אוּן זִי מֵיינְט אַז דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן חִינוּךְ. קוּק נִישְׁט אוֹיף אִיר מִיט רְצִיחָה; וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעהַאט דֶעם עָבַר וָואס זִי אִיז אַרִיבֶּער וָואלְסְטוּ גֶעוֶוען אַסַאךְ עֶרְגֶער, דוּ וָואלְסְט שׁוֹין לַאנְג אָפְּגֶעלָאזְט וְכוּ'. אַז דוּ וֶועסְט קוּקְן גוּט אוֹיף אִיר, דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיף אִיר מִיט רַחֲמָנוּת אוֹיגְן וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוּישְׁן לְטוֹבָה.

אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט בֶּאֱמֶת דִי טוֹבָה פוּן דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט דַיין וַוייבּ; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ וָואס דוּ קֶענְסְט גֶעבְּן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער וִוי דָאס לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט מִיט דַיין וַוייבּ. קִינְדֶער זֶענֶען גָאר גוּטֶע מְבִינִים, זֵיי וֵוייסְן אוּן שְׁפִּירְן וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען בְּשָׁלוֹם אוּן וֶוען מֶען אִיז בְּרוֹגֶז, וֶוען זֵיי שְׁפִּירְן וִוי דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט בְּשָׁלוֹם טוּט זֵיי דָאס זֵייעֶר וֵויי, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ זֵיי זֶעעֶן מִיט זֵייעֶר אוֹיגְן וִוי מֶען קְרִיגְט זִיךְ, דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין זֵיי גְרוֹיסֶע פְּחָדִים אוּן זֵיי וַואקְסְן אוֹיף פֶּעלֶערְדִיג.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; גוּטֶע קִינְדֶער קוּמְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, גוּטֶע קִינְדֶער בַּאקוּמְט מֶען לוֹיט וִויפִיל מֶען בֶּעט אוּן מֶען וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִילוּ דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג הַיינְטִיגֶע צֵייטְן וִוי מֶען זֶעט נֶעבֶּעךְ קִינְדֶער פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע שְׁטִיבֶּער גֵייעֶן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז צוּ בֶּעטְן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' עֵקֶב תשע"ט)

>>>>>>

אֵיינְמָאל אִיז אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס דֶער טַאטֶע אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם גְרוֹיס צַעַר. בִּיז אֵיין טָאג אִיז דֶער טַאטֶע נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען. עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט דֶערְצוּ אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין טַאטֶע'ן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ אִים בִּיז יֶעצְט, הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּ גָאר אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ אִין גַן עֵדֶן, אוּן עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער אַרָאפּ צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים פוּן אַזַא הוֹיכֶע פְּלַאץ. הָאט אִים זַיין זוּן גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס יֶעצְט אִיז עֶר יָא אַרָאפְּגֶעקוּמֶען, הָאט אִים דֶער טַאטֶע דֶערְצֵיילְט וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט.

אִין דִי שְׁטָאט בַּארְדִיטְשׁוּב הָאט גֶעלֶעבְּט אַ אִיד מִיטְ'ן נָאמֶען ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוֹחֵט אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן, שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן טוֹבוֹת פַּאר מֶענְטְשְׁן וִויפִיל עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ יְרִיד אִין שְׁטָאט, אוּן וֶוען ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם יְרִיד הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן בְּרֶענְגֶען וַואסֶער אוּן גִיסְן אָן אֵיינֶעם. מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט נָאךְ אוּן נָאךְ וַואסֶער אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גִיסְן אוּן גִיסְן. עֶר הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וָואס עֶס גֵייט פָּאר, אוּן מֶען הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז דָא אִיז דָא אַ אִיד וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פִירְן גֶעשֶׁעפְטְן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאט אָפְּגֶעשְׁפָּארְט צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדֶן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט נָאךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדֶן וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט בַּיי אִים אִין גֶעשֶׁעפְט, אוּן אוֹיסֶער דֶעם הָאט עֶר נָאךְ צוּגֶעבָּארְגְט נָאךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט גוּלְדֶן, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעהַאט אַ סַךְ הַכֹּל פוּן זֶעקְס הוּנְדֶערְט גוּלְדֶן מִיט וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען דָא צוּם יְרִיד מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, הָאפֶענְדִיג מַצְלִיחַ צוּ זַיין.

אָנְקוּמֶענְדִיג אָבֶּער הַיינְט צוּם יְרִיד, הָאט מֶען אִים גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גַאנְצֶע סְכוּם גֶעלְט. דֶער אִיד הָאט גֶע'חַלְשְׁ'ט פוּן גְרוֹיס צַעַר, אִין אֵיין מִינוּט הָאט עֶר פַארלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן, עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּלוּטִיגֶער אָרִימַאן, אוּן נָאךְ אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב. מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ גִיסְן וַואסֶער עֶר זָאל זִיךְ דֶערְוֶועקְן, אָבֶּער וִוי נָאר עֶר דֶערְוֶועקְט זִיךְ אוּן דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן זַיין גְרוֹיסֶע צָרָה, פַאלְט עֶר נָאכְאַמָאל חַלָשׁוּת, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ. מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט אִים.

ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ אִיז גְלַייךְ צוּגֶעלָאפְן צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם גֶעלְט אוּן עֶס קֶען זַיין אַז דָאס אִיז דָאס פַארְלוֹירֶענֶע גֶעלְט, "גֶעבּ מִיר נָאר גוּטֶע סִימָנִים, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר עֶס צוּרִיק גֶעבְּן". דֶער אִיד הָאט מַמָשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן סִימָנִים אַז דָאס גֶעלְט אִיז גֶעלִיגְן אִין אַ רוֹיטְן בַּייטֶל, עֶס הָאט גֶעהַאט אַזוֹיפִיל הוּנְדֶערְטֶער'ס אוּן אַזוֹיפִיל צְוָואנְצִיגֶער'ס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז וִוי עֶס זֶעט אוֹיס הָאט עֶר טַאקֶע גֶעפוּנֶען דָאס פַארְלוֹירֶענֶע גֶעלְט, עֶר גֵייט אַהֵיימְגֵיין אוּן עֶס אִיבֶּערְקוּקְן, אוּן אוֹיבּ עֶס שְׁטִימְט דִי סִימָנִים בְּרֶענְגְט עֶר עֶס גְלַייךְ צוּרִיק.

דֶער ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעהַאט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט גֶעלְט אוֹיף צוּ חֲתוּנָה מַאכְן זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען אוּן אִיבֶּערְגֶעצֵיילְט דָאס גֶעלְט אוּן גֶעזֶען אַז עֶר פַארְמָאגְט טַאקֶע זֶעקְס הוּנְדֶערְט גוּלְדֶן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעטוֹישְׁט דִי גֶעלְטֶער אַז סְ'זָאל שְׁטִימֶען מִיט דֶעם אִיד'ס סִימָנִים, אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן אוּן עֶס גֶעבְּרֶענְגְט פַארְ'ן אִיד. דֶער אִיד הָאט אוֹיפְגֶעלָאכְטְן אוּן זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקְט פַאר ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ וָואס הָאט אִים מַמָשׁ גֶערַאטֶעוֶועט.

צְווִישְׁן דִי פַארְזַאמֶעלְטֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם זֵיי, הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעפוּנֶען דֶער אֱמֶת'ער גַנָב וָואס הָאט לַיידֶער זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאהֶערְשְׁן אוּן עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גֶעלְט פוּן יֶענֶעם אִיד. וֶוען דֶער גַנָב הָאט אָבֶּער גֶעזֶען דָאס מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ וָואס גֶעבְּט אַוֶועק זַיין אֵייגְן אוֹיסְגֶעהָארֶעוֶועטֶע גֶעלְט נָאר כְּדַאי פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אַ אִיד, אוּן עֶר הָאט דָאךְ גֶעוואוּסְט דֶעם אֱמֶת אַז ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דָאס גֶעלְט, וַוייל דָאס גֶעלְט אִיז גֶעלִיגְן בַּיים גַנָב אִין טַאשׁ, אִיז אַרַיין אִין אִים אַן אֱמֶת'עֶ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן זִיךְ מִתְוַודֶה גֶעוֶוען פַארְ'ן גַאנְצְן עוֹלָם אַז עֶר הָאט גֶע'גַנְבְ'ט דָאס גֶעלְט אוּן עֶר ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן דָא גֶעבְּט עֶר עֶס צוּרִיק.

ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט זִיךְ נִישְׁט ווִיסֶענְדִיג גֶעמַאכְט, נָאר עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן אוּן עֶר הָאט עֶס יֶעצְט צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט. אוּן עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ גְרוֹיסֶע קְרִיגֶערַיי. ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר הָאט עֶס גֶעטְרָאפְן אוּן ווִיל עֶס צוּרִיק גֶעבְּן... אוּן דֶער צְוֵוייטֶער הָאט גֶעשְׁרִיגְן אַז עֶר הָאט עֶס גֶע'גַנְבְ'ט אוּן ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן עֶס צוּרִיק גֶעבְּן... בֵּיידֶע הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט אַז דֶער אִיד זָאל נֶעמֶען דָאס גֶעלְט פוּן זֵיי. הָאט מֶען אָפְּגֶעמַאכְט אַז מֶען וֶועט גֵיין צוּם רָב אִין שְׁטָאט, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בַּארְדִיטְשׁוּבֶער זי"ע, אַז עֶר זָאל פַּסְקְ'עֶנֶען דִי דִין תּוֹרָה.

וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן פָארְגֶעלֵייגְט זֵייעֶרֶע טַעֲנוֹת, אִיז דֶער צַדִיק מוֹרָא'דִיג צוּפְלַאמְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע מְלִיצוֹת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי זַיין

<<<<<<



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וִוי אַזוֹי קֶען מֶען לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אוֹיף תּוֹרָה דַארְף מֶען זִיךְ דָאךְ פְּלָאגְן?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק וָואס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַיֶה, אוּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע דַאנְק פַארְ'ן גִלְיוֹן הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ וָואס מְ'אִיז מֵפִיץ דָא אִין לָאנְדָאן, מִיט וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּערְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַזוֹי פִיל, אַז מְ'קֶען בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה אַפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, מִיר זֶעעֶן דָאךְ אִין דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים אַז אוֹיף תּוֹרָה דַארְף מֶען זִיךְ פְּלָאגְן, מְ'קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה גְרִינְגֶערְהֵייט; וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מְ'קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אַזוֹי גְרִינְג מִיטְ'ן דֶּרֶךְ הַלִּימוּד?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִן הַסְתָּם הָאסְטוּ נָאךְ נִישְׁט גֶענוּמֶען דִי מִי צוּ אוֹיסְפְּרוּבִּירְן דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, דֶערִיבֶּער טְרַאכְסְטוּ אַז דָאס אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ. דוּ ווּאוּנְדֶערְסְט זִיךְ וָואס מֶען טוּט מִיטְ'ן (וַיִקְרָא כו, ג): "אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ", וָואס רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף דֶעם: "שֶׁתִּהְיוּ עֲמֵלִים בַּתּוֹרָה", - מְ'זָאל זִיךְ פְּלָאגְן אִין דִי תּוֹרָה; וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען פְּרוּבִּירְט צוּ לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג, גוֹרֵס זַיין פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא וָואלְסְטוּ גֶעזֶעעֶן אַז עֶס לִיגְט אִין דֶעם אַ גְרוֹיסֶע עַמְלוּת.

בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא עַמְלוּת בַּתּוֹרָה וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן עֶר הֵייבְּט אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין אוּן אָן קַיין טַעַם וְכוּ'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן עד): "יֵשׁ דִּבּוּר בְּלֹא דֵּעָה, וְיֵשׁ דִּבּוּר בְּדֵעָה", עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען; עֶס אִיז דָא וֶוער עֶס לֶערְנְט אוּן פַארְשְׁטֵייט, נָאכְדֶעם אִיז דָא אַז מֶען לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין. כְּדֵי מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט דַארְף מֶען קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, "וּשְׁנֵי בְּחִינוֹת אֵלּוּ, הֵן בְּחִינַת 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא וְשִׂמְחַת תּוֹרָה'", פַאר מֶען קוּמְט אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט - וָואס דָאס אִיז 'שִׂמְחַת תּוֹרָה', מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה, מֶען הָאט אַ טַעַם אִין דֶעם דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט וָואס מֶען לֶערְנְט - דַארְף מֶען אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם שְׁטַאפְּל פוּן 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא', "כִּי 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא' הוּא בְּחִינַת דִּבּוּר בְּלֹא דֵּעָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת עֲרָבָה, כִּי עֲרָבָה דּוֹמָה לְשְׂפָתַיִם", עֲרָבוֹת זֶעט אוֹיס וִוי דִי לִיפְּן; דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז קוֹדֶם דַארְף מֶען נוּצְן דִי לִיפְּן, מֶען דַארְף אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט.

וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט וִוי אַ מֶענְטְשׁ פְּלָאגְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען, עֶר נֶעמְט אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאגְט דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, עֶר לֶערְנְט גְמָרָא אוּן זָאגְט דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן קַיין טַעַם - אִיז דָאס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר חָשׁוּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אוּן הָאט פוּן דֶעם אַ גְרוֹיסֶער תַּעֲנוּג, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (קְדוֹשִׁים פה:): "וּמַאן דְּתִיאוּבְתֵּיהּ לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא", וֶוער עֶס ווִיל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְלָא אַשְׁכַּח מַאן דְּיוֹלִיף לֵיהּ", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהוּא בִּרְחִימוּתָא דְּאוֹרַיְיתָא, לָעֵי בָּהּ, וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגוּמָא דְּלָא יָדַע", אָבֶּער ווִיבַּאלְד עֶר הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, לֶערְנְט עֶר אָן פַארְשְׁטֵיין, "כָּל מִלָּה וּמִלָּה סַלְקָא", יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חָדֵי בְּהַהִיא מִלָּה", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵייעְדְט זִיךְ מִיט דֶעם. "וְקַבִּיל לָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער, "וְנָטַע לָהּ סָחֲרָנֵיהּ דְּהַהוּא נַחֲלָא", אוּן עֶר פְלַאנְצְט אַיין דִי וֶוערְטֶער אוֹיבְן אִין הִימְל אַרוּם אַ טַייךְ, "וְאִתְעֲבִידוּ מֵאִלֵּין מִלִּין אִילָנִין רַבְרְבִין" אוּן עֶס וֶוערְט פוּן דִי וֶוערְטֶער גְרוֹיסֶע בֵּייְמֶער, "וְאִקְרוּן עַרְבֵי נַחַל", וָואס מֶען רוּפְט זֵיי אָן 'עֲרָבוֹת', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ה, יט): "בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד", פוּן לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה לֶערְנְט מֶען מִיט גְרַייזְן.

אַז דוּ רֶעדְסְט פוּן עַמִילוּת בַּתּוֹרָה - פוּן זִיךְ פְּלָאגְן, אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרַיין קוּקְן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל (פַּרְשַׁת בְּחֻקוֹתַי, אוֹת ב), וואוּ עֶר גֶעבְּט צוּ פַארְשְׁטֵיין גָאר פַארְקֶערְט. עֶר זָאגְט אַז דַוְקָא וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן אוֹפֶן פוּן גִירְסָא - דָאס אִיז רִיכְטִיגֶע עַמְלוּת בַּתּוֹרָה, "כִּי הַלּוֹמֵד בַּתּוֹרָה וּמֵבִין וּמַכִּיר בְּפִלְפּוּל וּסְבָרַת הַתּוֹרָה וּמִתְעַנֵּג, לָזֶה לֹא נִקְרָא לִימוּד הַתּוֹרָה עֲבוֹדָה וִיגִיעָה וְעָמָל, כִּי בָּזֶה שֶׁאָדָם נֶהֱנֶה וְשָׂמֵחַ לֹא יִיעַף וְלֹא יִגַּע", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט דָאס לֶערְנֶען אִיז דָאס נִישְׁט אַזַא שְׁטַארְקֶע עַמְלוּת, וַוייל עֶר הָאט הֲנָאָה אוּן עֶר פְרֵייעְדְט זִיךְ וְכוּ', "כִּי רַק הַלּוֹמֵד תּוֹרָה מִתּוֹךְ הַדְּחַק וּמִתּוֹךְ טֵרוּף הַדַּעַת אַף שֶׁאֵינֶנּוּ מֵבִין בָּהּ הֵיטֵב", ווִידֶערְאוּם וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.): "אָמַר רָבָא, לְעוֹלָם לִיגְרַס אִינִישׁ וְאַף עַל גַּב דְּמִשְׁכַּח, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַאי קָאָמַר", אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, "וְאֵצֶל זֶה הַלּוֹמֵד עַל אוֹפֶן זֶה - אֶצְלוֹ נִקְרָא יְגִיעָה וַעֲבוֹדָה וְעָמָל, כִּי לֹא יַרְגִּישׁ הַתַּעֲנוּג מֵהַתּוֹרָה", בַּיי אַזַא אֵיינֶעם אִיז דָא עַמְלוּת בַּתּוֹרָה, וַוייל עֶר שְׁפִּירְט נָאךְ נִישְׁט דָאס זִיסְקֵייט, עֶר פַארְשְׁטֵייט נָאכְנִישְׁט אוּן עֶר זֶעט נָאכְנִישְׁט דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, מִיט דֶעם אַלֶעם מוּטְשֶׁעט עֶר זִיךְ; אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַ טַעַם דַארְף מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "אֵיינְמָאל דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר וַוייזְן אִיר פָּנִים, וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן".

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' שׁוֹפְטִים תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים**
**קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**
**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132**




>>>>>>

שְׁטֵייגֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶועוְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק נָאר אָן דַיין טֵייעֶרֶע פָאלְק דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל, וואוּ אִיז נָאךְ דָא אַזַא פָאלְק וִוי דִי אִידְן, צְוֵויי אִידְן קְרִיגְן זִיךְ וֶוער עֶס זָאל הָאבְּן דִי זְכִיָ' אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד אוּן אִים צוּרִיק גֶעבְּן זַיין גֶעלְט אַז עֶר זָאל וֶוערְן פְרֵיילִיךְ. אִיז נָאךְ דָא אַזַא פָאלְק אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט?"

דֶער צַדִיק הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיר זָאלְט וִויסְן אַז אֵייעֶר דִין תּוֹרָה הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסְן רַעַשׁ אִין אַלֶע הִימְלֶען. אוּן יֶעצְט גֵייט אוּן מַאכְט אַ פְּשָׁרָה צְוִוישְׁן אַייךְ, אוּן דִי זְכוּת וֶועט זַיין פַאר יֶעדְן".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָאבְּלֶער זִי"ע הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן: "יֶעצְט אִיז דֶער ר' אֱלִיעֶזֶר יְהוֹשֻׁעַ נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, אוּן מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן אַלֶע צַדִיקִים פוּן גַן עֵדֶן אַז מֶען זָאל אִים גֵיין מְקַבֵּל פָּנִים זַיין, אוּן אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם טֵייעֶרְן אִיד וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועוְן פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, וָואס הָאט שְׁטֶענְדִיג זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ סֵיי וִוי גֶעמוּזְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן גַן עֵדֶן הָאט אִיךְ גֶעקֶענְט קוּמֶען נָאכְאַמָאל צוּ דִיר, אָבֶּער לִכְאוֹרָה וֶועל אִיךְ פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער נִישְׁט קֶענֶען מֶער קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט דִיר"

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסֶע מַעֲלָה פוּן אַ אִיד וָואס הֶעלְפְט אַ צְוֵוייטְן. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן טוֹבוֹת פַאר אִידְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ טוֹבוֹת)

>>>>>>

איז דאס ניין אזייגער. און שבת לערנט דער ראש ישיבה שליט"א פאר מוצאי שבת קודש גלייך נאכ'ן זמן.

בערך אכט דרייסיג – גלייך נאכ'ן שיעור גמרא - לערנט דער ראש ישיבה שליט"א פאר תלמוד ירושלמי; די וואך האט מען זוכה געווען מסיים צו זיין תלמוד ירושלמי – סדר זרעים, און מ'האט אנגעהויבן ירושלמי סדר מועד, מסכת שבת.

נאך די צוויי שיעורים גיבט דער ראש ישיבה שליט"א א שמועס פאר די מלמדים; עצות און חיזוק אין חינוך, ווי אזוי צו זיין א גוטער מלמד. דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אז מלמדים דארפן יעדן טאג הערן חיזוק, ווייל זייער אמט איז זייער אן אחריות'דיגער.

צען אזייגער דאווענט מען שחרית, נאך פת שחרית לערנען די בחורים – יעדער פאר זיך – זייערע שיעורים; חומש רש"י, ח"י פרקים משניות און גמרא; נאכדעם צוויי אזייגער לערנט דער ראש ישיבה שליט"א פאר א שיעור עיון אין גמרא רש"י תוספות ביז הלכה למעשה. דריי אזייגער דאווענט מען מנחה און פינף אזייגער לערנט דער ראש ישיבה שליט"א פאר די טעגליכע וועלט בארימטע שיעור התחזקות, געפלאכטן מיט דיבורים פון רבי'ן און מוהרא"ש.

אין דריי וואכן ארום פארט די גאנצע ישיבה בעזר השם אינאיינעם מיטן ראש ישיבה שליט"א קיין אומאן; מיר אלע בעטן דעם אייבערשטן צו קומען, און צעברעכן אלע מניעות. ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תג): "הראש השנה שלי עולה על הכל", ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס, "והיה פלא אצלי, מאחר שהמקורבים שלי מאמינים לי, ולמה לא יזהרו כל האנשים המקורבים אלי שיהיו כולם אל ראש השנה, איש לא יעדר, כי כל ענין שלי הוא רק ראש השנה", עס איז מיר א וואונדער אויף די מענטשן וואס גלייבן אין מיר, און זיי זענען מקורב צו מיר, פארוואס זאלן זיי אלע נישט זיכער מאכן צו קומען צו מיר אויף ראש השנה? קיינער טאר נישט פעלן, ווייל מיין גאנצע זאך איז ראש השנה.

נאך האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תה): "הראש השנה שלי הוא חידוש גדול, והשי"ת יודע שאין הדבר הזה בירושה מאבותי, רק השי"ת נתן לי זאת במתנה, שאני יודע מהו ראש השנה, לא מבעיא אתם כולכם בודאי תלויין בראש השנה שלי, אלא אפילו כל העולם כולו תלוי בראש השנה שלי", איך האב באקומען א מתנה פונעם אייבערשטן, אז איך ווייס וואס 'ראש השנה' איז, און נישט נאר ענק, נאר די גאנצע וועלט איז געוואנדן אין מיין ראש השנה.

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**

# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (מ)

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קוּמְט צוּרִיק פוּן קַאמִינִיץ, אוּן גְרֵייט זִיךְ צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

### קפה

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט פַאר ר' יוּדְל אַז עֶר וִויל פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט ר' יוּדְל אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן גֶעזָאגְט, "רֶבִּי, אִיר פָארְט דָאךְ זִיכֶער אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיפְצוּטוּן דָארְט עֶפֶּעס אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין צוּ פּוֹעֵל'ן וָואס אִיר ווִילְט", דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ בַּאדַאנְקְט פַאר אִים פַאר דִי בְּרָכָה, אוּן אִים שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט, "אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט אוֹיסְפִירְן אוֹיךְ דָא אִין חוּץ לָאָרֶץ דָאס וָואס אִיךְ ווִיל אוֹיפְטוּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת, מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעדַארְפְט פַאר דֶעם פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; דֶער חִילּוּק אִיז נָאר אַז וֶוען כְ'וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועל אִיךְ בַּאקוּמֶען מַיין הַשָּׂגָה מִיט לְבוּשִׁים, אָבֶּער דָא אִין חוּץ לָאָרֶץ וֶועל אִיךְ עֶס קֶענֶען בַּאקוּמֶען נָאר אָן לְבוּשִׁים, אוּן דָאס אִיז דֶער חִילּוּק פוּן דִי קְדוּשָּׁה פוּן שַׁבָּת צוּ דִי קְדוּשָּׁה פוּן יוֹם טוֹב".

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶפְנְט פַאר ר' יוּדְל אַ סִידוּר הָאֲרִיזַ"ל אוּן אִים גֶעוִויזְן דָארְט בַּיי דִי כַּוָּונוֹת אַז דָאס אִיז דֶער חִילּוּק צְוִוישְׁן שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, אַז שַׁבָּת אִיז דֶער אוֹר אָנְגֶעטוּן מִיט לְבוּשִׁים, אָבֶּער יוֹם טוֹב אִיז דֶער אוֹר אָן לְבוּשִׁים.

### קפו

וֶוען דֶער רֶבִּי'ְס וַוייבּ הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶר ווִיל פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט זִי גֶעשִׁיקְט צוּ אִים דִי טָאכְטֶער שָׂרָה צוּ פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי קֶען זֵיי אִיבֶּערְלָאזְן, וִוי אַזוֹי וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אוֹיף צוּ לֶעבְּן. הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר שָׂרָה, "דוּ וֶועסְט פָארְן צוּ דַיין מְחוּתָּן [זִי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אַ כַּלָּה צוּם זוּן פוּן ר' לֵייבּ דָאבְּרָאוְונֶער], דַיין גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער אָדְל וֶועט אֵיינֶער נֶעמֶען אַלְס דִינְסְט, דַיין קְלֵיינֶע שְׁוֶועסְטֶער מִרְיָם וֶועט אֵיינֶער סְתָּם אַזוֹי אַרַיינְנֶעמֶען אִינְדֶערְהֵיים אַלְס רַחֲמָנוּת, אוּן דַיין מַאמֶע וֶועט גֵיין אַרְבֶּעטְן אוּן וֶוערְן אַ קֶעכֶערְקֶע; אוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ אִין הוֹיז וֶועל אִיךְ פַארְקוֹיפְן צוּ הָאבְּן אוֹיף שְׁפֶּעזְן פַאר דִי וֶועג".

וֶוען דִי מִשְׁפָּחָה הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין, אַסַאךְ טֶעג הָאבְּן זֵיי נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ וֵויינֶען, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער נִישְׁט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר מוּז סֵיי וִוי פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל זַיין גְרֶעסֶערֶע הֶעלְפְט גֶעפִוּנְט זִיךְ שׁוֹין אִין דָארְט, אוּן דִי קְלֶענֶערֶע חֵלֶק מוּז שׁוֹין אוֹיךְ מִיטְגֵיין אַהִין.

### קפז

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, "אִיךְ ווִיל פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ וֵוייס דִי פִילֶע גְרוֹיסֶע מְנִיעוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקַייטְן וָואס אִיךְ וֶועל הָאבְּן אוֹיף דֶעם אָן אַ שִׁיעוּר. אִיךְ וֵוייס אַז דֶער ס"ם וֶועט יֶעצְט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי וֶועלְט, עֶר וֶועט מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע מִלְחָמָה צְוִוישְׁן לֶענְדֶער, אַלֶעס מִיר צוּ שְׁטֶערְן פוּן פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל [אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעשֶׁען, וִוי אִיר וֶועט לֵיינֶען וַוייטֶער אִין אוֹת ר'], אָבֶּער וִוי לַאנְג דִי נְשָׁמָה אִיז נָאךְ אִין מִיר, וִוי לַאנְג אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַן אָטֶעם, וֶועל אִיךְ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין מִיט'ן גַאנְצְן כֹּחַ אוּן אַהִינְפָארְן, אִיךְ וֶועל טוּן מַיינְ'ס אוּן פָארְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל טוּן מִיט מִיר וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל.

### קפח

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טְרִיט פוּן דִי רֵייזֶע קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֶועל אִיךְ הָאבְּן מְסִירַת נֶפֶשׁ", אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר'ן עוֹלָם, "אִיךְ בִּין שׁוֹין יֶעצְט גְרֵייט אַרוֹיסְצוּפָארְן, וִוי אַזוֹי סְ'זָאל נָאר זַיין, אֲפִילּוּ אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דָאס גֶעלְט אוֹיף שְׁפֶּעזְן".

דִי תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן הָאבְּן זִיךְ גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין דִי אַרוּמִיגֶע שְׁטֶעט אוּן דֶערְפֶער צוּזַאמְצוּשְׁטֶעלְן עֶפֶּעס גֶעלְט פַאר'ן רֶבִּי'ן, עֶר זָאל כָאטְשׁ הָאבְּן עֶפֶּעס מִיט וָואס אַרוֹיסְפָארְן פוּן הוֹיז, וַוייל מְ'הָאט גֶעזֶען אַז סְ'בְּרֶענְט פַאר'ן רֶבִּי'ן שׁוֹין אַרוֹיסְצוּפָארְן, אוּן מְ'וֶועט אִים נִישְׁט קֶענֶען אָפְּהַאלְטְן אֲפִילּוּ נָאר פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## "אומאן פארברענג" דורך די פרויען פון אנשי שלומינו

נאכפאלגענדיג די גרויסע צופרידנהייט פון די פרויען פון אנשי שלומינו די פארגאנגענע יארן פאר ראש השנה, ווען די פרויען האבן זיך צוזאמגענומען אינאיינעם און געהערט דרשות און זיך געפריידט צוזאמען אויף די געוואלדיגע זכי' אז די מענער זענען זוכה צו וויסן פון היילגן רבי'ן און זענען זוכה צו פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, וועט דאס יאר נאכאמאל פארקומען די "אומאן פארברענג", זיך צו שטארקן צוזאמען אויף די געוואלדיגע זכי'.

ווערמענס הארץ ציטערט נישט פונעם פארכטיגן יום הדין, ווען דער אייבערשטער שרייבט אן פאר יעדן איינעם אלעס וואס עס וועט פאסירן מיט אים במשך די גאנצע יאר, און דא זאגט דער רבי אז ווער עס קומט צו אים אויף ראש השנה וועט ער אים פארטיידיגן און זען דערצו אז מען זאל אים אנשרייבן א גוט געבענטשט יאר, איז דאך זיכער אז יעדער וויל האבן די זכי' צו זיין אין אומאן אויף ראש השנה, און זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר. דעריבער וועלן זיך די פרויען צוזאמנעמען און זיך שטארקן אינאיינעם צו שיקן די מענער אויף אומאן און אהיימברענגען ישועות און רפואות פאר די גאנצע יאר.

די פארברענג וועט פארקומען אי"ה דעם מאנטאג נאכט פ' נצבים הבעל"ט אין היכל הישיבה אין וויליאמסבורג, מ'וועט הערן שיינע דרשות, און מ'וועט מיטהאלטן א שיינעם פראגראם. עס איז ערווארטעט די באטייליגונג פון הונדערטער פרויען פון אנשי שלומינו.

די חשובע פרויען קוקן ארויס מיט שפאנונג אויף דעם געשמאקן פארברענג, זיך צו פרייען אינאיינעם אויף די גרויסע זכי'.

**ולאחיו יאמר חזק!**

***

## די ישיבה האט זיך שוין צוריק געקערט קיין וויליאמסבורג

געלויבט השם יתברך אז עס איז דורך א הערליכע זומער אין מחנה תפארת התורה אין מאנטיסעלא, וואו די בחורים און אינגעלייט האבן אויסגענוצט די זומער וואכן מיט טויזנטער בלעטער גמרא, משניות, און נאך פילע לימודים, אזוי אויך האט עס געדינט אלס א "ריהעב פון אמונה", מען האט זיך אנגעשעפט מיט אמונה פאר'ן גאנצן קאלטן ווינטער.

יעצט ווען דער זומער סעזאן האט זיך שוין געענדיגט, איז די ישיבה גלייך ממשיך מיט'ן סדר היום אין וויליאמסבורג אויף 27 סקילמאן סט. וואו די בחורים וועלן זיצן און לערנען פלייסיג א גאנצן טאג, און אזוי אויך וועלן די שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א ווייטער פארקומען טעגליך און וועכענטליך מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף. אזוי אויך זענען די בחורים ממשיך מיט'ן לערנען יעדן טאג גאנץ מסכת תענית, וואס וועט בעז"ה אנהאלטן ביז ראש השנה, און מיט דעם זענען די בחורים מקיים די סגולה וואס מוהרא"ש האט געגעבן פאר די בחורים מיט אכט יאר צוריק ווען ער האט באזוכט אין קעמפ, אז ווער עס וועט ענדיגן יעדן טאג מסכת תענית פאר פערציג טעג אין א ציה, אנגעהויבן פון חמשה עשר באב, וועט טרעפן זיין שידוך. און אזוי האלטן די בחורים אן דעם איינפיר זינט דעמאלט, און זעען ב"ה אפענע ישועות. די בחורים טרעפן גוטע שידוכים איינער נאכ'ן צווייטן.

דער סדר היום אין ישיבה אין וויליאמסבורג איז ווי פאלגענד: אכט אזייגער אינדערפרי הייבט זיך אן די שיעורים; דער ראש ישיבה שליט"א לערנט פאר א שיעור אין גמרא יעדן טאג, זונטאג

<<<<<<


## אומאן ראש השנה!

אלע אייערע געברויכן פאר אומאן

עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך

~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~

אייער פריינד

אלי קנאלל

Plan it Rite

Travel the right way

718-506-4341



## אומאן טראנספארטאציע

מ'קען שוין באשטעלן טיקעטס פאר די באסעס פון קיוב קיין אומאן, און פון אומאן קיין קיוב, פאר די דירעקט פלייטס

אויך שטעלן מיר צו באסעס פאר גרופעס

צו באשטעלן רופט 646–642–1457


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **נחום ברילל** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים


## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידו"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**